אזוי איז שטאָט יונג און וואַרטנדיק געווען.

אזוי איז הונט לייביש־קיניגליך געשטאַנען, און דאָס אָרט איז אים געפעלן.

מיט ברייטער שטאָלצקייט האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט, און אין פולער הערשאַפט זיך מיט די פעדערשטע פיס פאָרויס צעלעגט.

האָט יעדערער צו זיך אהיים ערבדיקע גנזאַלבטע פרייד געטראָגן . . .

טויערן האָבן זיך ווי געעפנט שטיל און גדלותדיק פארמאַכט.

## אין יאָד

האָב איך טאָג היינט דערזען א גרויען, צ נאַסן. ווי אַן אָפּגע־שווירענע קאַץ האָט ער געשטוינט אונטער שווערקייט פון הימלשן בליי . . .
איז וואו זאָל אים אהינטאָן אזא, אז טעג האָב איך יונגע, ווי גרינע בערגעלעך מאָך, און ווילדקייט פון וואַלד צעזעצטע — איך מיש זייער גרינעם זייד, איך טוליע מיך אין זייער פרייד, און ער איז געקומען מיין בענקשאַפט צו פארשוועכן.

איז וואוהין זאָל איך אים צוקנעפּלען, וואוהין, אַז הארץ איז פארנומען ביז ענג, און טאָג אזא בלייערנער, מידער קומט, ווי אלע טעג, א לייט, און שיקט מיך גלייך צום יאָד . . .

## פון יענער זייט וואַנט

געווידמעט ל. ר.

פון יענער זייט מיין ביידער־וואַנט
שלאָפט אַ יונגע מיט מיר באַנאַנד;
ווייס איך, ווייסט זי,
אַז פון יענער זייט וואַנט! . . .

## דינע ליבקעס

טרעפט אמאָל אין כאָלעם,
רוקט זיך אָפּ די וואנט,
דערפיל איך איר נאַקעטן ווארעם —
איר האנט —

ברויזט אין מיר מיין יוגנט אוף,
איך כאַפּ זיך אוף —
אַ וואנט!
ווערט טויט־פּאַרדראָסיק פאַר ווענטישער אַלטקייט,
פאַר שטיינערנער קעלט...

פון יענער זייט וואנט
שלאָפט אַ יונגע מיט מיר באַנאַנד;
ווייס איך, ווייסט זי,
אַז פון יענער זייט וואנט...

### בא הימלען

בא הימלען בא זויבערע, בלויע,
בא קלאַנגען פון זילבערנעם טאָג,
נייט אוים דאָרט אַ יונגע, אַ בלאָנדע,
דאָס ליד פון איר מיידלשן טאָג...

הערט איין זיך גרייז־גרויער ווינטער,
קלעמט אין טונקעלער הוילקייט דער סאָד,
און מיידל בא הימלשע ברעגן
נייט דאָס ליד פום גאָלדענעם טאָג...

הערן עס יונגע אף גאסן, אף ראָגן,
און הארץ אין ווייט זיך פאַרטראָגט,
צו בלאָנדער, צו מיידלשער יוגנט,
צום קלאנג פונם ליכטיקן טאָג...

הינדע רויטבלאַט

## באַם שוואַרצן יאַם

א רואיקער ליגט שטיל
דער שוואַרץ־יאַם צופוסן —
גלייך, ווי ער ווייסט ניט
זיין ברויזנדע קראַפט.
מיך אַרט ניט, וואָס וואַסערן פליסן און פליסן,
מיך אַרט —
וואָס ס׳פאַרשווינדט באַלד די נאַכט.

## מיר שפּאַנען

מיר שטייען געבויגן די קעפּ פאַר די אָרנס,
און רירן פּאַמעלאַך מיט ציטריקע פינגער
דעם רויטן געוואַנט.
איר זיינט ניט די לעצטע,
פאַר וועלכע מיר זינגענדיק קניען.
צום וועג פון בייסאוילעם
פיל רויטע און שוואַרצע געוואַנטן זיך ציען.
מיר שפּאַנען.

א ווייַלע פאַרנעמט ווער פון אונז
אייער לעצטן פאַרבאָרגענעם טרויער.
געבויגן די קעפּ פאַר די אָרנס,
פאַרהאַלט זיך א ווייַלע דער אוילעם באַם טויער.
מיר שפּאַנען.

פון אונז ווער פאַרטראַכט זיך א ווייַלע —
ווער זיינט איר, הארוגים, פון וואַנען?
מיר שפּאַנען.

## סניטקאָוו

סניטקאָוו — אַ שטעטל
אַ שטעטל באָם גרעניץ,
אַ שטעטל, ווי אַלע —
גרויס, ווי אַ געניץ.

ענגער — די געסלאַך,
און גרעסער — די פּלעצער.
בלאָטיקע הייזלאַך
פון ברעטער און קלעצער.

נאַקעט דאָס שטעטל —
אַ ליימיקער באָדן.
קיין בוימל קיין גרינינקס,
קיין גרינינקער פּאָדים.

מיין צימער אין שטעטל —
דער שענסטער פון אַלע:
מיט דיל אַ פּאַרקעטן,
באַדעקט מיט וואַרעטן.

מיט זאַכלאָזן בילד,
פון פאַרבן באַפלעקטן.
מיט אַ ליימענעם לעניין,
נאָך ניט קיין דערקלעפּטן.

עס רייסט מיר דאָס האַרץ
אויף דעם נאַקעטן שטעטל,
וואָס ליגט, ווי פאַרוואָרפן,
אויף שאַכמאַטענעם ברעטל . . .